בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

**שנשמעו אצל משתה היין**

## סעודת פורים תש"ב (חלק א)

חלק השיחות קודש בעת שתיית היין

**חַיָּיב אִינַשׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא**

• בישמח משה: חייב אינש לִבְסוּמֵי, לא לְהִשְׁתַּכֵּר • הרה"ק מרָאפּשיץ: ב' פעמים בשנה הוא מבוסם בלא יין, שמיני עצרת בקדושת כתר, ופורים בקריאת המגילה • שתיית יין לאחר זמן צאת הכוכבים • בפרי הארץ: בענין 'צדיק גוזר' אחד היה הבעש"ט • הישמח משה: וואויל זענען די אויגן, וואָס זיי האָבן געזען אַזעלכע אויגן, וואָס זיי האָבן געזען צַדִּיקֵי אֱמֶת • המליצות של הרה"ק מקאמינקא, הם מלא קדושה ועמקות • מָשָׁל מן העץ עם מלבוש, שמעמידין בשדה במקום השומר • קדושת יו"ט: בענין אומנות שו"ב ואדמורו"ת • מלחמת גוג ומגוג כבר התחיל, ורשעי הדור אלו הם שילחמו נגד משיח • חשיבות העבודה להקב"ה במצב הנסיונות שבדור האחרון • חשיבות איש פשוט העוסק בתורה ומלאכה, ומקיים רצון הבורא • כָּל יָמַי ציפיתי לישועת ה' •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ה לפ"ק

**חלק שני יופיע בעזהשי"ת בשבוע הבא לקראת פורים**

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | אויטאמאטיש דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**

**לשון קדשו - קונטרס שכד** (חלק א) (8 מינוט) **אות א-כה נישט קלאָר** ☆☆☆☆★
**אות כו-מד אַביסל קלאָר** ☆☆★★★

**לשון קדשו:** **929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך **324** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא** ברוקלין: **718-298-4641** ארץ ישראל: **072-2223419**
**79→164→3→17.1**


# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **יוסף אהרן הכהן רובין** הי״ו
לנישואי בתו - עב״ג החתן **ישראל איסר** נ״י
בן הר״ר **יואל יעקב פיש** הי״ו

הר״ר **אלי׳ שפיטצער** הי״ו (ב״ר מרדכי גדלי׳)
לנישואי בנו החתן **ישראל שלום** נ״י - עב״ג בת
הר״ר **משה נחום בראווער** הי״ו

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

תלמיד חכם מופלג, בקי בש״ס ופוסקים, ירא את ה׳ מנעוריו, יגע לקיים כל מצוה בדקדוק הלכה קלה כבחמורה, מעורר את השחר, האריך בתפילה בכוונה, אהוב ומכובד בעיני כל מכיריו
רבי **מרדכי דוב** ז״ל **גרובער**
ב״ר **אלעזר הלוי** ז״ל
נפטר י״ג אדר א׳ תשנ״ז

הרה״ח זהיר במצות וירא שמים מרבים, משמח אלקים ואנשים
רבי **שלום יחזקאל** ז״ל **שווארטץ**
בהר״ר **יהושע** ז״ל
דבק ברביה״ק זי״ע בכל נפשו ועסק בתורתו בקביעות וזכה לעשות רצון קדשו ולעמוד לימינו בהתייסדות הקהלה והמוסדות בעיר מאנטריאל
נפטר י׳ אדר ב׳ תשס״ח

הרה״ח איש חיל ורב פעלים דבוק ברביה״ק מנעוריו
מוה״ר **משה** ז״ל **אייזענבערג**
בן הר״ר **אלימלך** ע״ה מדעברעצין
עמד לימין רביה״ק לטובת הקהלה והמוסדות, ובפרט בהקמת העיר קרית יואל
נפטר ביום ט׳ אדר תש״פ

האשה החשובה והצנועה, בעלת מדות טובות, עמדה לימין שבורי לב, ודרשה מצאצאיה להיות מקושרים ברביה״ק זי״ע
מרת **ליבא** ע״ה **גליק**
בת הר״ר **אברהם** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **עוזר** ז״ל
נפטרה י׳ אדר תשנ״ח

הרה״ח רבי
**משה אפרים**
ב״ר **ארי׳** ז״ל
**הערשקאוויטש**

הרב החסיד רבי
**יצחק אייזיק** ז״ל **וויינבערגער**
ב״ר **חיים שמעון** ז״ל
נפטר ח׳ אדר תשע״ג

האשה החשובה מרת
**פראדל** ע״ה **פריעדמאן**
ב״ר **יושע צבי הכהן** ז״ל
אשת ר׳ **שמואל זאב** ז״ל
נפטרה ח׳ אדר א׳ תשמ״א

KolSatmar.com

# סעודת פורים תש"כ (חלק א)

## שיחות קודש - בעת שתיית היין

### א
### בענין שתיית יין בפורים

יעצט קען מען שוין אָנהייבן אַביסל צו טרינקען ..

וועןס'איז נישט היינט פורים, וואָלט איך זיכער נישט געטרינקען[א] ..

.. ס'ווערט דערמאָנט[ב] [אַז] דער זיידע זכרונו לברכה דער ייטב לב, בעיצומו של יום [בעוד היום גדול] האָט ער שוין געטרינקען.

.. יעצט מעג מען נאָך זיכער טרינקען, אַצינד איז נאָך[ג] האַלב זיבן[ד], מעג מען נאָך טרינקען אַ האַלבע שעה, מ'מעג טרינקען.

אַסאַך זאָגן דאָך[ה], אַז אפילו שפּעט אויפדערנאַכט, אַז מ'הייבט אָן בייטאָג[ו] מעג מען טרינקען [גם בלילה][ז].

---

[א] שתיית היין היה קשה מאוד לרבינו לפי טבעו, ובפרט בשנה זו שאשתקד בשנת תשי"ט לא הרגיש בטוב איזה תקופה לאחר פורים, עבור שתיית היין בפורים. גם בני ביתו והמשמשים רצו למנוע את רבינו מלשתות בשנה זו, והכין עצמו רבינו בדיבורים דלהלן לחזק עצמו לשתות היין, אף שהיה קשה עליו מאוד, וביקש בכל פעם שיתנו לו עוד כוס. ובהקדמה זה יובנו כמה מדברי רבינו להלן בכל ענין זה.

[ב] כן הובא **בליקוטי מהרי"ח** (סדר פורים) וז"ל: **סעודת פורים.** עיין **ברמ"א** (או"ח) סימן תרצ"ה סעיף ב' **ובמנהגים** (מנהגי פורים) **ובלבוש** (או"ח שם, ב) **שנוהגין לעשות סעודת פורים אחר מנחה, וערבית מתפללין בלילה,** ורוב הסעודה צריכה להיות ביום, עיין שם. והא דלא נהגו לעשותה בשחרית, עיין **במגן אברהם** שם ס"ק ה', משום דטרודים במשלוח מנות. ○ ועיין **בבית יוסף** (או"ח שם) **ובלבוש** (שם, ג) דאם חל **בערב שבת** עבדינן סעודת פורים **מבעוד יום,** ובלילה צריכים לקדושי, וצריכי נמי למיטעם מידי בתר קידושא משום סעודת שבת. ויש שעושין סעודתם **בבוקר** כשחל פורים בערב שבת, כדי שלא לקלקל סעודת שבת, עיין שם. וכן העתיק **ברמ"א** להלכה, דאם חל בערב שבת יעשו הסעודה **בשחרית,** משום כבוד השבת. וכן הוא **במנהגים** (שם) **ובמטה משה** (אות תתריא). ○ ועיין שם **ברמ"א, דמי שרוצה לעשותה תמיד בשחרית, הרשות בידו,** עיין שם. וכן כתב **בדרכי משה** (שם, ד) בשם **תרומת הדשן** (סימן קי, והובא להלן) דאחר שנתן טעם למנהג רוב העולם לעשותה בערב, כתב דהוא ורבותיו נהגו לעשות עיקר סעודת פורים בשחרית, עיין שם. וכן כתב **בשל"ה** (מס' מגילה, נר מצוה אות מ) דהעושה סעודתו בשחרית הוא משובח, וכן כתב **בפרי מגדים** (או"ח שם, א"א ה) שכן הוא נוהג, וכן כתב בספר **שערי רחמים** (אות קמט) בשם **הגר"א,** עיין שם. **וכן היה נוהג אדומו"ר הגה"ק מו"ה יקותיאל יהודא ט"ב מסיגוט זצללה"ה, בעל ייטב לב.**

[ג] **פירוש: לאחר.**

[ד] **השקיעה בעיר ברוקלין ביום פורים תש"כ, היה בשעה 6:00 אחה"צ, וצאת הכוכבים בשעה 7:12.**

[ה] **כן נהגו אצל כמה צדיקים. והוא על פי המבואר בתרומת הדשן** (סימן קי) **וז"ל: שאלה. בהרבה מקומות נהגו בעלי בתים וגם ת"ח לעשות עיקר סעודת פורים בערב. והולכין לבהכ"נ ומתפללין מנחה ולא ערבית, וחוזרין לבתיהן ומתחילין בסעודה ביום ונמשכין בה עד הלילה, ורוב הסעודה היא בלילה. יש טעם למנהג או לאו.** ○ **תשובה. יראה דיש למצוא טעם וסמך קצת למנהג זה. מצאתי הועתק תשובה אחת וז"ל, שמעתי מה"ר טוביה בשם ריב"א, שכל מאכל שלוקחים הבחורים זה מזה אפילו שלא ברשות, משום שמחת פורים משעת קריאת המגילה עד לילה סעודת פורים, שהן שני לילות ויום אחד, אין בהם משום גניבה ולא משום גזילה, ואין להזמינו לבית דין ואין חוששין עליו, ובלבד שלא יעשו שלא כהוגן על פי שבעה טובי העיר, עכ"ל. מתשובה זו משמע להדיא דלילה שנייה עיקר היא לסעודת פורים.** ○ **ועדיין לריב"א גופיה תקשה מהאי טעמא, דהא ודאי לילה שנייה ליל ט"ו, והיאך יוצאין בה ידי סעודת יום י"ד לדידן דבני עיירות אנו, שהרי קורין רק בי"ד. וכתב רמב"ם** (מגילה א, ט) **דדוקא י"ד לבני עיירות, ולבני הכרכים ט"ו במשתה ושמחה, אע"ג דלענין הספד ותענית שוין זה בזה.** ○ **ונראה טעם לדבר משום דבארבעה עשר שחרית צריך שיהוי בקריאת מגילה, ואח"כ הוא טרוד ושולח מנות ומתנות לאביונים, ואין פנאי לאכול בסעודה בשמחה ובתענוג, ולכך קבעוה קדמונינו מקצתה בערב ולהתחיל מבעוד יום גם כן קודם תפילת ערבית, כדי לקיים מצות סעודה ביום שהוא עיקר, ונמשך ביה**

KolSatmar.com

ב

[כאן ניגנו הקהל].

אַלעס איז כּוּלוֹ קוֹדֶשׁ [כל אופני המנהגים].

אין **ישמח משה** שטייט '**לא לְהִשְׁתַּכֵּר**' .. דער ישמח משה אין פרשת (תרומה) [תצוה][ח].

און אַזוי דער **זיידע זכרונו לברכה** דער **ייטב לב**, האָט יאָ אַסאַך געטרינקען [ביום הפורים], ער האָט געטרינקען. ער האָט אָנגעהויבן 'אינדערפרי' נאָך.

די זעלבע זאַך איז געווען אין צאַנז, **צאַנזער רב** האָט יאָ געטרינקען[ט].

דער **זיידע זכרונו לברכה** דער **ייטב לב**, ביי אים איז געווען געוואַלדיג דאָס עֲנִיוּת, פונדעסטוועגן 'געטרינקען' [בפורים] האָט ער. זעט אויס [אַז] ער האָט עס אַליין

---

מאז בפנאי ובתענוג עד הלילה, ובלילה עצמה, וחשיב הכל סעודה אחת. ○ ואשכחן כהאי גוונא דמבטלין סעודת מצוה בשביל מצות אחרות, בפרק אותו ואת בנו (חולין פג.) מפרש **התוספות** (ד"ה וכדברי) אמאי לא חשיב התנא יו"ט של סוכות בארבעה פרקים בשנה שרגילין בסעודה גדולה כדמוכח התם, משום דטרידי במצות סוכה ולולב באותו ערב יו"ט, לא היו רגילין להרבות בסעודה. ○ **אף כי ישבתי מנהג זה, מכל מקום רבותי ואני אחריהם נהגינן עיקר הסעודה בשחרית**, כמדומה שכן נהגו ברינו"ס.

ועיין **ברמ"א** (או"ח תרצה, ב) וז"ל: **'ורוב' הסעודה צריכה להיות ביום** (מנהגים), ולא כמו שנוהגין להתחיל סמוך לערב ועיקר הסעודה הוא ליל ט"ו.

**ובלבוש** (שם): **וצריך לעשות הסעודה ביום**, ואם אכלה בלילה אפילו בליל ראשון לא יצא, כל שכן בליל שני שהוא אחר פורים שלנו, דימי משתה ושמחה כתיב (אסתר ט, כב), ביום משמע. **מיהו ימשוך שמחתו גם תוך הלילה**. ונוהגין לעשות הסעודה לאחר מנחה, ומתפללין מנחה בעוד היום גדול כדי לאכול 'רוב' הסעודה ביום, **וכשהיא נמשכת עד הלילה אז לית לן בה, כי חייב אדם במשתה ושמחה בשני הימים** י"ד וט"ו, וכן נהגו, דימי משתה ושמחה כתיב, משמע שני הימים, **ונהגו לשמוח אף בליל ט"ו שביניהם**.

[ו] עיין באורך **בטורי זהב** (או"ח רלה, ג-ד), **ובמשנה ברורה** (שם, כא. וסימן ע, כג-כד).

[ז] אבל רבינו נהג להזדרז שיהיה כל השתיה מבעוד יום, ולא לאחר צאת הכוכבים. ועיין באורך בקונטרס **ימי הפורים** דברי יואל (מנהגי רבינו, אות נו).

[ח] **בישמח משה** פרשת תצוה (סוף עמוד קפג בדפו"י): והנה כבר פירשתי אמרם **חייב אדם לבסומי בפוריא** וכו'. וכבר צווחו בו קמאי דקמאי, כי הוא יוצא מגדר השכל. וכבר אמרתי בזה אשתקד, ועכשיו אני משנה קצת, דהנה **אם נשתה בקלות, ולא נקיים וְגִילוּ בִּרְעָדָה** (תהלים ב, יא. עי' ברכות ל:), **אם כן אדרבה אז נתעורר החטא הקדום** [שנהנו מסעודתו של אותו רשע], ואנחנו צריכין להתרצות במה שחטאנו (עי' תנחומא בשלח סימן כד) והבן, ואם כן נתקיים גזירתו באמת, שהוא מחטיא. ואם כן ההבדל נתראה בגלוי. **וחייב 'לבסומי', היינו 'לא להשתכר', רק 'לבסומי', כדי שעל ידי שמחת היין יבא לעבודת ה', ובמה שחטאנו נתקן. עד דלא ידע**, רצה לומר **באופן דלא ידע וניכר בפועל**, רק שנידון במחשבה אשר חושב, והבן זה כי נכון הוא בס"ד, רצ"ל **אבל לא שיהיה קלות ראש על ידו**, כי אז נתעורר חטא הקדום, ואם כן ניכר בפועל. והבן זה, כי נכון הוא מאד, ואמת בס"ד, ורבה הוא להבין דברי חכמים וחידותם. [ועיין עוד בישמח משה על נ"ך ומועדים, עסיס רמוני על מגילת אסתר, אות יד].

וכן הוא **ביסוד ושורש העבודה** (שער יב, פרק ז) וז"ל: והנה דקדקו חכמי הגמרא בלשונם הצח והקדוש **ואמרו 'לבסומי', ולא אמרו חייב אינש 'להשתכר' בפורים**. אך הוא כמו שכתב **הבית יוסף** בטור(או"ח סימן תרצה) בשם **רבינו אפרים וארחות חיים**, וזה לשונו בקיצור, חייב אינש **לבסומי** בפורים, **לא שישתכר**, שהשכרות איסור גמור הוא ואין לך עבירה גדולה מזו כו', אך שישתה יותר מלמודו מעט, עכ"ל. וגם **האר"י ז"ל** (פרי עץ חיים, שער ר"ח חנוכה ופורים, פרק ו) בכוונת השתיה ביום זה על דרך הסוד, כתב באר היטיב בלשונו הקדוש, **ולא ישתכר, אלא יתבסם** כו'. ○ גם את זאת יש להוכיח על פי שכל פשוט, שאין כוונת הגמרא הקדושה שישתכר חלילה, כי הנה כל בעל שֵׂכֶל יודה ויכיר האמת במה שנאמר במגילה לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה, שחייב אדם להיות שובע שמחות בפורים, אין הכוונה על שמחת הוללות של רשות וכו', אך הרצון בזה הוא על שמחה של מצוה, לשמוח ביוצרנו ובוראנו ית"ש וכו' [עיי"ש עוד באורך].

[ט] ועיין **בדרכי חיים** (חלק הסיפורים, אות לא) וז"ל: ורבינו [מצאנז] שתה יין הרבה עד שהקיא, ואח"כ שכב במטתו קצת וכו'. [וכן נהג רבינו לשכוב קצת אחר השתייה בפורים, וכנראה שהוא על פי דברי רמ"א דיש אומרים דע"י שישן מתוך השתייה, בזה מתקיים בתוך השינה ענין עד דלא ידע וכו'].

KolSatmar.com

געזעגן ביים זיידן דער **ישמח משה**'. דער ייטב לב איז אַלץ געוועזן [רגיל אצל הישמח משה].

ג

נאָר ער **רבי יעקב עמדין**[יא] ברענגט פון [אביו בעל] **חכם צבי** .. [שהיה מקיים מצוה זו כמאמרה], נאָר דאָרט שטייט אויך נאָר, אַז אין דער יוגענט האָט ער עס געטון, [ומשמע, אָבער] אויף דער עלטער שוין נישט, האָט ער שוין נישט געטרינקען אַזויפיל.

רבי יעקב עמדין שרייבט אַזוי.

זעט אויס אויכעט, [ווייל] ער האָט שוין נישט געקענט יוֹצֵא זיין כִּפְשׁוּטוֹ.

ד

ווי ווּעם זאָל 'איך' טון.

[אָבער] ווי קען מען זיך בּאַגיין פּוּרִים אָן אַזאַ מִצְוָה?

ס'איז איינס פון די שווערסטע עֲבוֹדוֹת .. ..

ה

דאָס ערשטע [כוס] איז מען געוואוינט [לשתות, בכל שבת].

[ובליל] פֶּסַח טרינקט מען דאָך אַרְבַּע כּוֹסוֹת.

[אָבער] **היצט** [בפורים] **אַז איך טרינק 'אַפאָר' גלעזלעך וויין** [בזה אחר זה], **קומט עס מיר אָן ממש מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, איך קען נישט.**

[נאָר] דאָס ערשטע מוז מען דאָך ווייטער טרינקן.

ו

[ונענה א' מהמסובין: דער אייבירשטער זאָל העלפן, עַד מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה זאָל דער רבי טרינקען, מיר זענען אַלע בָּטוּחַ אַז דער רבי וועט אונז פירן ביז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ] (אמן).

[ונענה רבינו לעומתו]: **דער אייבירשטער זאָל העלפן ס'זאָל מְקוּיָם ווערן 'שוין'**[יב] (אמן),

[ובירך רבינו]: **לְחַיִּים!**

[ונענו המסובין: לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם].

[וכאן נגנו העם ניגונים של שמחה, וניגון צַוֵּה יְשׁוּעוֹת יַעֲקֹב. וקצת מאנ״ש הזכירו עצמם אצל רבינו. והרה״ח ר' אברהם ווערצבערגער ע״ה זימר כאן קצת חרוזי התעוררות].

ז

[אחר כך נענה רבינו]: **נאָך אַ בעכער וויין, איך וועל נאָך אַביסל טרינקען, ביז דערווייל האָב איך נאָך צו ווייניג** [געטרינקען], **גאָר ווייניג, ס'איז צו ווייניג.**

[ושוב שתה רבינו קצת יין, ונענה]: **לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם!**

.. ..

---

[י] ועיין עוד בזה בקונטרס **ימי הפורים** דברי יואל (מנהגי רבינו, אות נז ובהערה א' שם) מה שאמר פעם רבינו כי לפלא כי מרוב פירושיו של הישמח משה (על נ״ך ומועדים) על מאמר הגמרא דחייב איניש לבסומי, יוצא שאין צריך לשתות הרבה, ועם כל זה הוא עצמו נהג לשתות, עיי״ש.

[יא] **בסידור בית יעקב** (סידור עמדין) בדיני פורים (סימן ז, אות ו-ז): שמעתי מאבי מורי הרב ז״ל, שהוא היה נוהג בבחרותו לקיים מצוה זו כמאמרה, שאין הדבר יוצא מידי פשוטו בענין המעשה, וצפון בו סוד גנוז ליודעי חן, ועיין מה שכתבתי בחידושיי. ○ אך החלוש שמזיק לו השכרות, פשיטא שאינו מחוייב בכך, גם לא המשתטה ביינו ואין בו מדעת קונו וכו'. ועל זה נאמר (מנחות קי.) אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים.

[יב] ביאת משיח צדקינו.

KolSatmar.com

ח

## בענין צדיק גוזר והקב״ה מקיים

[והפציר א׳ מחשוכי בנים, שיבטיח לו רבינו בבנים. ונענה רבינו]:

**ס׳איז דאָ פון רבי מענדעלע וויטעבסקער אַ בריוו, איז דאָ געדרוקט[יג].**

**שרייבט אים איינער, - אויכעט וועגן אַ ברכה אויף קינדער, - שרייבט אים איינער** [אַז] **ער זאָל גוֹזֵר זיין** [שיתברך בבנים, ווייל] **צַדִּיק גּוֹזֵר וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַיֵּים[יד].**

**ענטפערט ער אים, - רבי מענדעלע וויטעבסקער איז נאָך געווען ביים בעל שם טוב הקדוש, -** [דבמדריגת] **צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים, איז געווען ׳איינער׳** [דער בעל שם טוב הקדוש]**, און מער איז נישטאָ.**

**רבי מענדעלע וויטעבסקער שרייבט עס[טו].**

[ובכה הנ״ל לבקש: אָבער מתפלל זיין קען מען דאָך, רבי!].

[ונענה רבינו]: **אוי וויי, דער גאַנצער כְּלַל יִשְׂרָאֵל ברויך אַ גרויסע יְשׁוּעָה.**

---

[יג] בספרו **פרי הארץ** (ובדפוסים הקודמים נקרא ׳ליקוטי אמרים׳, מכתב יט): **שנת תקמ״ו. יהא שלמא רבא לאהובנו ידידנו נאמן רוח ה״ה הרבני המופלא הוותיק כבוד מו״ה יעקב מסמאליין נ״י ויזרח וכו׳. אבל על עיקר בקשתו עבור בנים, אחרי רואנו גודל תפלתו והשתטחותו לפנינו, וטענותיו העצומות שהיא לתכלית עסק המלאכה, בושת פנים כסתני, כי התחת אלקים אני, היו היה דבר השם ביד הבעל שם, ויגזור אומר ויקם, אחד היה, ומהקדמונים לא קם כמוהו, ואחריו על עפר מי יקום. הגם שכמה גדולי צדיקים בדורנו פֶּה להם וידברו את אשר יבשר, לא כן אנכי עמדי.**

[יד] **כמבואר בגמרא מועד קטן** (טז:)**, ובזוהר הק׳** (ח״ב דף טו.)**, ועוד. וכמו שנאמר** (איוב כב, כח) **וְתִגְזַר אֹמֶר וְיָקָם לָךְ.**

[טו] **וז״ל רבינו בס״ג בשלח תשכ״ב** (דברות קודש לשובבים ח״ד, עמוד תעד)**: דער אֱמֶת, צדיק גוזר והקב״ה מקיים איז א גרויסע בחינה. ס׳איז דאָך געדרוקט דער בריוו פון ר׳ מענדעלע וויטעבסקער אין ליקוטי אמרים** (שלו, מכתב יט)**, ס׳האָט אים איינער געשריבן ער זאָל זיין צדיק גוזר והקב״ה מקיים. האָט ער אים געענטפערט, צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים איז געווען איין איינציגער, דער בעל שם טוב הקדוש,** [וואָס] **אף בראשונים לא קם כמוהו, אַזוי שרייבט ער דאָרט אין בריוו. זעט מען אַז דאָס קאָן נישט יעדערער.**

**און אפילו די וואָס זיי קענען** [יאָ]**, מוז זיין אַ רָצוֹן הַבּוֹרֵא ברוך הוא** [דערצו] **ס׳איז נישט פאַרהאַנדן** [אַנדערש]**. חלילה, אַז נישט, העט דאָך חלילה געווען שתי רשויות, אַז מ׳קאָן ׳אַלדינגס׳ טון. נאָר וואָס דען, ס׳איז אַמאָל דאָ ווען הקדוש ברוך הוא וויל אַליין אַז דער צדיק זאָל גוזר זיין,** [און] **דעמאָלטס געשעט עס, און זיי זענען מְכַוֵּן דעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא ברוך הוא, אָבער נישט חלילה** [כשאינו רצון הבורא ב״ה].

**והא ראיה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האָט אויך נישט געקענט אַלעס טון, אַזוי ווי ס׳איז געווען כמה גזירות, ביי די מרגלים, און וואָס ער האָט נישט געקאָנט גיין קיין ארץ ישראל, נישט אַלעס האָט געקענט גיין** [לגזור ולבטל ע״י הצדיק].

**אָבער דאָ** [אצל קריעת ים סוף] **איז דאָך געווען, דעמאָלטס איז געווען** [אַז] **הקדוש ברוך הוא האָט געוואָלט אַז אידן זאָלן געהאָלפן ווערן, האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט ס׳איז נישט קיין צייט פון ׳תפלה׳,** [ווייל] **אויף תפלה איז דאָ גרויסע מקטריגים,** [נאָר] **דאָס מוז זיין בחינת ׳צדיק גוזר׳ והקב״ה מקיים, און אפילו דאָס זאָלסטו אויך באַהאַלטן** [מחמת המקטרג].

**ועיין עוד בדברי יואל לראש השנה** (אות סג, משנת תש״ח) **שהביא דברי הרה״ק מוויטעבסק זצ״ל, ומסיים על זה וז״ל: ומבואר מזה דלאו כללא הוא על כל הצדיקים שהן בחינת צדיק גוזר והקב״ה מקיים, דאין זה רק בצדיקים גדולים מאד, כהבעל שם טוב הק׳ ודכוותיה. ויתכן שאין בכלל זה רק צדיקים שהן בבחינת קֵל, ועל דרך שאמרו חכז״ל** (מגילה יח.) **על הפסוק וַיִּקְרָא לוֹ קֵל אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל** (וישלח לג, ג)**, שהקב״ה קראו ליעקב קֵל. וצדיקים שהם בבחינה זו שיוצרם קראם קֵל, הם יכולים לבטל גזירות ה׳, ולהמתיק הדינים בשורשן. ○ ועל כן בדורינו שעברו עלינו בעוה״ר דינים נוראים שנספו רח״ל אלפים ורבבות נפשות ישראל, כל זה היה מפני שלא היה לנו צדיקים כאלו שהן בבחינת קֵל שיכולים לבטל גזירות הקב״ה, דאילמלי היה לנו צדיקים כאלה, היו מבטלים כל הגזירות, והיו ממתיקים את הדינים בשורשן.** [ועיין עוד בכל ענין זה בקדושת לוי לפורים (קדושה שלישית), מה שהאריך בזה לפי דרכו].

KolSatmar.com

.. .. [כאן היה עוד איזה שיחה, ולא הצלחנו לפענחו כעת].

ט

## בענין אמירת פְּשָׁטִים

איך וועל טרינקען אַביסל וויין, און זאָגן [נאָכדעם] אַ וואָרט אויף דעם עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן [לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי], וואָס כ'האָב געוואָלט ענטפערן, זאָגן עפּעס אַ תֵּירוּץ [להבנת ביאור המאמר].

אוי וויי וויי, [ווייל] איך האָב גאָרנישט פאַרגעסן [בין המן למרדכי], איך בין דאָך נישט שִׁיכּוֹר .. [וממילא] איך וועל מוזן יוֹצֵא זיין דעם [חיוב פון] 'פאַרגעסן', איך וועל מוזן יוֹצֵא זיין מיט אַ 'פְּשַׁט' אויף דעם.

איך וועל מוזן יוֹצֵא זיין, מיט אַ 'פְּשַׁט' וואָס איך וועל זאָגן[טז].

י

איך זאָג יעדעס יאָר [פְּשָׁטִים], איז מעגליך אַז כ'וועל נישט איינטרעפן [לומר רק פְּשָׁטִים חדשים, נאָר] קאָן זיין [אַז] כ'האָב עס שוין אַמאָל געזאָגט, און איך ווייס נישט דערפון. וועט עס זיין 'עַד דְּלָא יָדַע', איך ווייס נישט צי איך האָב עס געזאָגט שוין אַמאָל.

[ופנה רבינו לאחד מכותבי החידושי תורה, ואמר]:

צֵא וּלְמַד, זאָלסט אויפפּאַסן צי היצט זאָג איך נישט די זעלבע [ממה שאמרתי כבר. דיתכן] ס'נאַרט דער זִכָּרוֹן, און איך געדענק נישט [אם כבר אמרתי זאת]. ס'פאַלט איין די זעלבע [חידוש] וואָס מ'האָט געזאָגט, און מ'געדענקט נישט.

נאָר [אפילו הכי] איז אויך נישט אַזאַ 'מאַלעֶר'[יז], תּוֹרָה הִיא.

אַף עַל פִּי כֵּן וואָס איך זאָג יעצט .. [יש לכתוב גם כן].

**ווען מ'העט געשריבן אַלעס, אַלעס וואָס מ'האָט געהערט, .. ווען אַלעס שרייבט מען ווען שוין אויף ..**

על כל פנים אַז מ'שרייבט [מה שיכולין, גם כן טוב].

יא

## עוד בענין שתיית יין, ובענין צדיקים הקודמים

מ'ברויך צו טרינקען, אָבער איך שפּיר מיך שלעכט .. ..

יב

רש"י זאָגט[יח] [על דברי הגמרא] חַיָּיב אָדָם לִבְסוּמֵי, 'בְּיַיִן'.

---

[טז] ועל סגנון זה אמר רבינו בכמה שנים, שקשה לצאת כפשוטו ידי חובת 'עד דלא ידע', ועל כן הוא נוהג לקיימו באמירת פְּשָׁטִים על זה, על דרך וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ (הושע יד, ג). ועיין **בדברי יואל** לפורים (אופן לד) שהוסיף רבינו ואמר: וכפי המדומה לי שהרה"ק מהר"מ מראזוודאוו זצ"ל היה רגיל לומר כן בכל שנה.

[יז] פירוש: פּראָבּלעם, חסרון, וכדומה.

[יח] **ברש"י** מגילה (ז:) על מאמר הגמרא דחייב אדם לבסומי בפוריא וכו', כתב: לאבסומי, **להשתכר 'ביין'**.

KolSatmar.com

[ולכאורה] **פאַרוואָס זאָגט ער ׳בְּיַיִן׳,** [והלא פשיטא היא].

[נאָר] **ווייל לעולם איז מען דאָך שְׁכֻרַת וְלֹא מִיָּיִן** (ישעי׳ נא, כא)**, שִׁיכּוֹר איז מען דאָך ׳כְּסֵדֶר׳**[יט] [גם בכל השנה, ולכן] **זאָגט רש״י** [דבפורים] **ס׳איז נישט גענוג** [רק צריך לשתות עוד ׳יין׳ דוקא].

יג

**כַּמָּה צַדִּיקִים האָבן נישט געטרינקען אַזויפיל ..**

**אין ראָפּשיץ האָט מען נישט געטרינקען, אין ראָפּשיץ נישט.**

**אין צאַנז יאָ, אין ראָפּשיץ נישט.**

**דער ראָפּשיצער רב האָט געזאָגט, ס׳איז דאָ צוויי מאָל אין יאָר איז ער שִׁיכּוֹר** [מבלי שתיית יין]**, פּוּרִים ביי דער ׳מְגִילָה׳, און שמיני עצרת ביי ׳כֶּתֶר׳**[כ].

יד

[נענה אחד מהמסובין: ׳כֶּתֶר׳ איז דאָך די הֶעכסטע זאַך].

[וענה רבינו]: **די ׳מְגִילָה׳ איז דאָך אויך אַזוי.**

**ס׳האָט נישט קיין שאַץ, וואָס צַדִּיקִים האָבן געטון ביי די מגילה.**

**וואָס צַדִּיקִים האָבן געדינט דעם באַשעפער ביי די מְגִילָה, דאָס קאָן מיר אונז נישט מַשִּׂיג זיין.**

**דער ישמח משה**[כא]**,** [און] **און די** [אַנדערע] **צַדִּיקִים וואָס זענען געוועזן.**

טו

.. [לאחד שהפציר על ישועה, ענה רבינו]:

**בעטן דאַרף מען פון אייבירשטען.**

**.. אַמאָל איז געוועזן, ס׳איז געוועזן אַמאָל צַדִּיקִים .. אוי וויי.**

**אוי וויי, היינט ווייסט מען נישט וואָס צו טון.**

טז

**דער זיידע זכרונו לברכה דער ישמח משה האָט געזאָגט:**

---

[יט] **ועיין בגמרא עירובין** (סד: סה.)**: אמר רב ששת אמר רבי אלעזר בן עזריה, יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין** [פירש רש״י: לטעון על כל ישראל לפני הקב״ה דבר שיפטרו כולן מדינא לעתיד לבוא, לומר שהן שיכורים, ואין נתפשין על עונם]**, מיום שחרב בית המקדש ועד עכשיו, שנאמר** (ישעי׳ נא, כא) **לָכֵן שִׁמְעִי נָא זֹאת עֲנִיָּה וּשְׁכֻרַת וְלֹא מִיָּיִן. ○ מיתיבי, שיכור מקחו מקח וממכרו ממכר, עבר עבירה שיש בה מיתה ממיתין אותו, מלקות מלקין אותו, כללו של דבר הרי הוא כפיקח לכל דבריו, אלא שפטור מן התפלה. מאי יכולני לפטור דקאמר נמי, מדין תפלה** [אם דנין אותן על שלא היו מתפללין בכוונה, יכול אני לפוטרן]**. ○ אמר רבי חנינא לא שנו אלא שלא הגיע לשכרותו של לוט, אבל הגיע לשכרותו של לוט פטור מכולם.**

[כ] **וז״ל רבינו בסעודת פורים תשי״ח: דער טאַטע זכרונו לברכה האָט דאָך גענומען א ראָפּשיצער אייניקל, ביי רבי מְנַשֶּׁה׳ן** [בן הרה״ק ר׳ אשר, בן הרה״ק מראפשיץ בעל זרע קודש] **איז ער דאָך געוועזן אַן איידעם. קאָן זיין אַז ער** [רבי מנשה] **האָט עס אַליין געהערט פון ראָפּשיצער רב. ער** [הקדושה יו״ט] **פלעגט עס נאָכצוזאָגן, וואָס דער ראָפּשיצער רב האָט געזאָגט, אַז צוויי מאָל אין יאָר איז ער שִׁיכּוֹר. פּוּרִים ביי דער ׳מְגִילָה׳, און שְׁמִינִי עֲצֶרֶת ביי ׳קְדוּשָּׁה׳. ○ ער** [הקדושה יו״ט] **פלעגט אַלץ זאָגן, ער האָט נישט געוואוסט דערין קיין פְּשַׁט. נאָר ס׳קאָן זיין .. וואָס פאַרשטייט מיר אונז דען, זיי האָבן דאָך גערעדט כְּדֶרֶךְ הַצַּדִּיקִים ׳הויכע זאַכן׳.**

[כא] **ובסעודת פורים תשי״ט** (לשון קדשו קונטרס נה, ריש אות לא) **אמר רבינו בתוך הדברים: דער הייליגער ישמח משה, אוי וויי, אוי וויי, ווער ווייסט דען ווי גרויס ער איז געוועזן, ווי ווייט ער האָט דערגרייכט מיט זיין עֲבוֹדָה.**

KolSatmar.com

**אַז וואויל זענען די אויגן, וואָס זיי האָבן געזען אַזעלכע אויגן, וואָס זיי האָבן געזען צַדִיקֵי אֱמֶת.**

יז

**אוי ווייל, וויי וויי.**

**מ'ווייסט גאָרנישט וויאַזוי מ'זעט אויס, אין דעם דוֹר.**

**מ'ווייסט גאָרנישט וואָס צַדִיקֵי אֱמֶת זענען געווען אַמאָל, אין די פריערדיגע דוֹרוֹת.**

יח

## בענין נסיונות דור האחרון, כשאין לנו צדיקים הקודמים

[און] **פאַרוואָס דער בורא כל עולמים האָט געלאָזט** [דאָס דור אַזוי אַליין, און] **מ'האָט צוגעגעבן אַזעלכע נִסְיוֹנוֹת, און אַזאַ שִׁפְלוּת.** [והרי] **דער בורא כל עולמים זעט דאָך אַלעס.**

[נאָר] **אפשר איז 'דאָס' טאַקע די חֲשִׁיבוּת.**

**דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וויל** [אַז] **מ'זאָל דינען דעם באַשעפער ..** [בתוך מצב כזה של נסיונות, ומתוך הסתרה ושפלות].

יט

[ועל הפסוק] **לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים** (בחקותי כו, מד)**, זאָגט די גמרא**[כב]**, לֹא מְאַסְתִּים** [וכו'] **בימי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, ששלחתי להם מָרְדְכַי וְאֶסְתֵּר. וְלֹא גְעַלְתִּים בימי יוונים, ששלחתי להם חשמונאי ובניו. כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם, במלחמת גוג ומגוג.**

**זעט אויס, 'דאָרט' האָט מען נישט געשיקט קיינעם.**

**ס'איז נישטאָ קיינער, נאָר דער באַשעפער איז דאָ.**

**נישט קיין מָרְדְכַי,** [און] **נישט קיין חשמונאים,** [נאָר] **דער באַשעפער אַליין.**

כ

**נו, לויט ווי ס'שטייט**[כג]**, וועט דאָך מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג זיין נאָך ביאת המשיח.** [ואם כן] **וועט מען דאָך האָבן דעם מלך המשיח, משה רבינו,** [און] **אליהו.**

---

[כב] **בגמרא מגילה** (יא.)**: שמואל אמר, לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם** (בחוקתי כו, מד)**, לֹא מְאַסְתִּים בימי יוונים, וְלֹא גְעַלְתִּים בימי נבוכדנצר, לְכַלּוֹתָם בימי המן, לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם, בימי פרסיים, כי אני ה' אלקיהם, בימי גוג ומגוג. ○ במתניתא תנא, לֹא מְאַסְתִּים בימי כשדים, שהעמדתי להם דניאל חנניה מישאל ועזריה, וְלֹא גְעַלְתִּים בימי יוונים, שהעמדתי להם שמעון הצדיק וחשמונאי ובניו ומתתיה כהן גדול, לְכַלּוֹתָם בימי המן, שהעמדתי להם מרדכי ואסתר, לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם בימי פרסיים, שהעמדתי להם של בית רבי וחכמי דורות, כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם לעתיד לבוא, שאין כל אומה ולשון יכולה לשלוט בהם.**

**ובאסתר רבה** (פתיחתא, סימן ד)**: שמואל פתח, וְאַף גַּם זֹאת בִּהְיוֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם. לֹא מְאַסְתִּים בבבל, וְלֹא גְעַלְתִּים במדי, לְכַלֹּתָם ביון, לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם במלכות הרשעה, כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם, לעתיד לבא. ○ תני רבי חייא לֹא מְאַסְתִּים בימי אספסיאנוס, וְלֹא גְעַלְתִּים בימי טרקווינוס, לְכַלֹּתָם בימי המן, לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם בימי רומיים, כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם בימי גוג ומגוג.**

[כג] **עיין בזה בויואל משה** (ב, קט. ד"ה ומבואר)**, ובשו"ת דברי יואל** (סימן ה, אות ב)**, ועוד.**

KolSatmar.com

[ואם כן] **פאַרוואָס זאָגט ער עפּעס** [נאָר] **כִּי אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיהֶם.**

**ס׳איז אֱמֶת, בִּימֵי מָרְדֳּכַי איז אויך געווען אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיהֶם, נאָר ס׳איז געווען** [גם צדיקים מושיעים].

כא

**אָבער זעען זעט אויס**[כד] [דער פְּשַׁט, ווייל] **מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג האָט זיך שוין אָנגעהויבן** [עוד קודם ביאת משיח].

---

[כד] עיין ענין זה באורך **בעל הגאולה ועה״ת** (סימן סא-סג), **ובס״ג בהעלותך תש״כ, שמות תשכ״א, ובס״ג תזריע מצורע תשכ״א, שלח תשכ״ז, כי תצא תשכ״ז.**

וז״ל רבינו **בס״ג כי תצא תשכ״ז** (לשו״ק קונטרס רפ ח״א, אות ק-קיב) **וז״ל: איך האָב שוין גערעדט דאָס פּאָריגע מאָל דערפון** (בס״ג שלח תשכ״ז), **דער מדרש זאָגט, - אויף עטליכע פלעצער איז דער מדרש, דער של״ה הק׳ ברענגט אים אויך, דאָרטן ביי** [דרוש] **שובבי״ם** (תורה שבכתב, פ׳ שמות), **- רעכנט ער אויס, יעדער איז אַלְץ מִתְחַכֵּם, איינער זאָגט שוטה היה קַיִן וכו׳ און איינער זאָגט שוטה היה פרעה, ער רעכנט אויס זיי אַלע האָבן געטון נאַרישקייטן, אַלע,** [און] **ער וועט טון בעסער. ביז צו גוג ומגוג. גוג ומגוג וועלן זאָגן אַז זיי זענען אַלע געווען שוטים, זיי האָבן נישט געוואוסט אַז אידן האָבן אַ פטרון וואָס וועט זיי העלפן, ער העלפט זיי, אני אזדווג לפטרונם.**

**פלאָגן זיי זיך אַלע, וואָס הייסט עפּעס אזדווג לפטרונם, ממה נפשך, גלייבסטו אַז ס׳איז דאָ אַ פטרון, וויאַזוי קענסטו דיך עפּעס מזדווג זיין לפטרונם. זאָגט דער יפה תואר אין יפה ענף פְּשַׁט - און ער** [בביאור הרא״מ] **ברענגט עס פונעם מהר״ם פאדוואַ׳ס זוהן, זיי ברענגען דאָך אַלע ברענגען דעם פְּשַׁט, - ער מיינט ׳לפטרונם׳, צו דער אמונה. ער וועט זיך פאַרלייגן אַראָפּצוברענגען אידן פון דער אמונה, ממילא וועט זיין חלילה אויס ׳פטרון׳,** [און] **ער וועט חלילה נישט העלפן אידן. אויף די נקודה פון דער אמונה, דאָס איז טייטש אזדווג לפטרונם. זעט דאָך עפּעס אויס טאַקע אַז גוג ומגוג וויל ׳אַזוינס׳ טון, וואָס ער זאָגט אַז אַלע זענען געווען שוטים, וואָרן ׳דאָס׳ איז נאָכנישט געווען** [ביז היינט].

**דאָס פאָריגע מאָל האָב איך געשמועסט פון דעם שוין, וואָס שטייט אין זוהר הק׳,** [אַז] **פון די פריצי ישראל פונעם ערב רב, זיי וועלן מיטגיין מיט די אומות העולם לוחם זיין, ביי מלחמת גוג ומגוג וועלן מיטגיין די פריצי ישראל מיט די אומות העולם לוחם זיין מיטן מלך המשיח. כ׳האָב** [עס שוין] **געשריבן** (בעל הגאולה סימן סא) **בשם גדול אחד, ער איז זיך מַתְמִיהַּ, ווי קען עפּעס זיין אידן זאָלן גיין וכו׳.**

[נאָר] **כ׳האָב שוין דאָס פאָריגע מאָל גערעדט דערפון** (כאן בס״ג שלח) [און] **מסביר געווען. בעונינו הרבים דאָס זעט מען** [היינט בחוש] **דעם אזדווג לפטרונם, בעוה״ר דאָס איז ׳די׳ חיילים, דעס מיליטער פון דעם מלכות המינות רחמנא ליצלן, וואָס זיי האָבן זיך פאַרלייגט אויף די נקודה פון אמונה, בכל פסיעה ופסיעה פאַרלייגן זיי זיך אויף די נקודה פון אמונה. זיי האָבן שוין בעוה״ר רובא דרובא מישראל אַראָפּגעבערענגט, אַראָפּגעפירט פון דער אמונה. און מיט די אַלע גזירות, צי מיט ניתוחי מתים אפילו, איז אויך דאָס דער מכוון, אַראָפּצוברענגען פון** [אמונת] **השארת הנפש, אַוועקצונעמען לבבות בני ישראל** [מהאמונה]. **ס׳איז נישטאָ אַזאַ גרויסע אינטערעסע** [ביי זיי אויף אַנדערע זאַכן, ווי אויף] **וואָס מ׳האָט פאַרדעם זיך אַזוי מוסר נפש צו זיין דאָס צו טון. און אַזוי כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה, איך דאַרף נישט אויסצורעכענען.**

**און בפירוש דאָס אַליין, כל החוקים ומשפטים** [שלהם, איז] **לא יזכר ולא יפקד אַז ס׳איז דאָ א תורה הקדושה אויף דער וועלט, די גרעסטע עבירה** [אצלם] **איז אַז מ׳זאָגט כפיה דתית, דאָס איז עס, ס׳איז נאָך אַזוינס נישט געווען בעולם, מיום שהיתה לגוי וכו׳, מ׳זאָל בקביעות אַרויסגעבן בכוונה מְכֻוֶּנֶת חוקים ומשפטים וואָס ס׳איז חס מלהזכיר א תורה הקדושה, מ׳איז מסלק ווי גליך ס׳איז גאָר נישטאָ קיין תורה אויף דער וועלט, אַז דאָס קאָן זיין א ׳מלוכת ישראל׳ בעונותינו הרבים, און ס׳איז נאָך דאָ אידן וואָס ער זאָגט אַמאָל קריאת שמע, און גייט נאָך מיט מיט זיי. ׳אַזוי׳ אַוועקצולייגן אינגאַנצן די תורה הקדושה, דאָס איז לא יאומן כי יסופר.**

**דאָס איז דער פְּשַׁט** [בפסוק] **יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ וְרוֹזְנִים נוֹסְדוּ יָחַד עַל ה׳ וְעַל מְשִׁיחוֹ, לכאורה איז א קשיא, ״מַלְכֵי אֶרֶץ״ זענען אַלע מלכים,** [ואם כן] **ווער זענען די ״רוֹזְנִים״. זאָגט מען פְּשַׁט** (במפרשי נ״ך) [דאָס] **מיינט מען די שרים.** [ועדיין אינו מובן] **נו אַודאי גייט א מלך מיט מיט די שרים, מיט די יועצים, יעדער מלך האָט דאָרט מיניסטאריום, וואָס דאַרף ער זאָגן, גענוג** [לומר] **מַלְכֵי אֶרֶץ.**

**נאָר לויט דעם זוהר הק׳ פאַרשטייט מען וואָס דאָס איז, און ווער זענען די רוֹזְנִים. די זענען נישט פון די מַלְכֵי אֶרֶץ, די מַלְכֵי אֶרֶץ** [זענען] **מִן הַשָּׁמַיִם די ע׳ אומות האָבן** [יעדער] **אַנדערע שרים, יעדער האָט א שַׂר,** [אבל הרוזנים] **׳די׳ זענען נישט אין כלל,** [נאָר] **זיי האָבן זיך ׳אַריינגעשטופּט׳ צווישן די מַלְכֵי אֶרֶץ, אָבער דאָס האָט מען נישט אַראָפּגעגעבן מִן הַשָּׁמַיִם, דאָס האָט דער ס״מ אַראָפּגעשטעלט זיינע חיילים, דאָס זענען די ׳שרים׳**

KolSatmar.com

[דהתינח] דער מלך המשיח, וועט נתגלה ווערן [בעת בואו] אַן אִישׁ קָדוֹשׁ. אָדער אַז מ׳איז זָכוּ, קומט ער אַראָפּ עִם עֲנָנֵי שְׁמַיָּא[כה].

אָבער ׳גּוֹג וּמָגוֹג׳, ס׳וועט נישט אַראָפּקומען פונעם הימל קיין גּוֹג וּמָגוֹג, ס׳איז נאָר ׳די׳ רִשְׁעֵי הַדּוֹר [המצויים כבר עתה בדור האחרון], ס׳איז די זעלבע רִשְׁעֵי הַדּוֹר, און די האָבן שוין ׳אָנגעהויבן׳ צו ווערטשאַפטן.

אונז לעב מיר היינט אין ׳מלחמת גוג ומגוג׳.

און ס׳איז אַזאַ צייט וואָס מ׳האָט נישט קיינעם, נאָר דעם באַשעפער, [ועל זה נאמר] כִּי אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיהֶם.

כב

געלויבט דער הייליגער באַשעפער, [אַז] מיט דעם האַלט מיר זיך.

מ׳האַלט מיר זיך אין ׳בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳.

דערפריער [בדורות הראשונים היו גם צדיקים], דער בורא כל עולמים האָט געשטעלט גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל [וואָס] זיי זאָלן ׳פירן׳ אידן.

[מה שאין כן בדור האחרון] מ׳האָט אונז געלאָזט אין ׳דעם׳ נסיון, אַז מ׳זאָל וויסן אַז אַזוי ווי ס׳איז, זאָל מען נישט אָפּטרעטן פונעם באַשעפער, [אפילו במצב וואָס ס׳איז] נאָר כִּי אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיהֶם.

געלויבט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

געלויבט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

האָף מיר נאָך, הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וועט אונז נאָך דערלייכטן די אויגן.

---

פון די ׳קליפות׳, פון די שרי הטומאה, זיי זענען ״רוֹזְנִים״, אָבער נישט פון די ״מַלְכֵי אֶרֶץ״. דאָס זאָגט דער פסוק, יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ ׳וְרוֹזְנִים׳ נוֹסְדוּ יָחַד עַל ה׳ וְעַל מְשִׁיחוֹ.

און דעס איז דער אָנהייב פון די אַרבעט [של גוג ומגוג], דאָס איז די התחלה. דאָס האָט זיך בעוה״ר שוין אָנגעהויבן, ׳די׳ גרייטן צי, דאָס איז ׳די׳ חיילים – וואָס ס׳איז דאָ אידן [וואָס] קומען אין בית המדרש און פרייען זיך מיט זיי, – ׳די׳ זענען אָנגעגרייט צו גיין קעגן מלך המשיח, דאָס זענען די לוחמים אַקעגן מלך המשיח. זיי ווילן [קודם היצט] אויפהאַלטן די גאולה, און ווען משיח וועט קומען וועלן זיי מיטגיין מיט די אומות, טאַקע ממש לוחם זיין. ○ קיין אַנדערע [פְּשַׁט] איז נישטאָ אויף דעם, וואָס דער זוהר הק׳ זאָל מיינען [באומרו] אַז זיי וועלן מיטגיין מיט די אומות לוֹחֵם זיין מיטן מלך המשיח. [ועיין עוד בזה בדרשת הושענא רבה תשכ״ח (לשון קדשו רפה, אות פ-פג)].

ועיין עוד בויואל משה (א, כד) במוסגר וז״ל: מה שאמר (בתרגום יונתן על שה״ש) בחיילותיו דגוג ומגוג, אף כי ׳מלחמת׳ גוג ומגוג יהיה אחר ביאת המשיח עם מלך המשיח, אבל ׳החיילות׳ דגוג ומגוג המה מאותן הרשעים המצערים ולוחמים עם ישראל גם קודם ביאת המשיח, כי לא יעמדו אחר ביאת המשיח רשעים חדשים בתחיית המתים לבוא וללחום עם מלך המשיח, אלא הרשעים הארורים הסובלים מהם קודם ביאת המשיח, הן המה אשר יהיו אחר ביאת המשיח חיילותיו דגוג ומגוג.

[כה] כמבואר בגמרא סנהדרין (צח.): רבי יהושע בן לוי רמי, כתיב (דניאל ז, יג) וַאֲרוּ עִם עֲנָנֵי שְׁמַיָּא כְּבַר אֱנָשׁ אָתֵה [פירש״י: אָתֵי במהירות], וכתיב (זכרי׳ ט, ט) עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר [כעני הבא על חמורו בעצלות]. זָכוּ, עִם עֲנָנֵי שְׁמַיָּא, לא זָכוּ, עָנִי רוֹכֵב עַל חֲמוֹר.

KolSatmar.com

כג

## עוד בענין שתיית יין

ס'איז עפּעס בעסער געוואָרן, ס'האָט מיך גע'איבל'ט [פריער, און] ס'איז שוין בעסער, איך קען שוין בעסער זאָגן.

געלויבט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, ס'איז אויך אַ חֶסֶד פון הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

[ושתה רבינו כוס רביעי, ואמר]: **לְשֵׁם תַּאֲוָה טרינק איך זיכער נישט.**

**ווי אַ שִׁיכּוֹר בין איך זיכער נישט, געלויבט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.**

[ושוב ביקש רבינו]:

גיט אַהער נאָך אַ בעכער'ל (כוס חמישי).

[ואחד מראשי הקהלה ר' יואל קליין ע"ה שישב שם, רמז בתנועה של הפצרה שאולי ימנע רבינו מלשתות יותר[כו], ואמר רבינו לעומתו]: **גיט אַהער דעס ביסל.**

[והמליץ רבינו בדרך צחות]:

**אַ שיינע הוֹסָפָה** [מן קהל למשכורת הרב] **אַז מ'גיט אַ בעכער** [וויין] **!**

הע? מ'האָט [שוין] געהערט אַמאָל ס'איז פאַרהאַן אַ 'רֹאשׁ הַקָּהָל' אַ מִתְנַגֵּד, ער זאָל זאָגן ער האָט נישט ליב קיין 'הוֹסָפָה' [צו] געבן. געבן אָבער אַן הוֹסָפָה 'נאָך אַ בעכערל וויין' קאָן מען נישט פּוֹעֵל'ן?

מילא פון קָהָל'ס קאַסע אַן הוֹסָפָה, דאָס פאַרלאַנג איך ניטאַמאָל. [ס'איז אָבער] אַ פאַרקערטע מַעֲשֶׂה, [אַז] מ'לאָזט מיר נישט טרינקען [מן יין 'שלי'], מ'לאָזט מיר נישט צוגעבן אַן הוֹסָפָה 'אַ בעכערל וויין', שיין זעה איך אויס ..

גיט מיר נאָך איין [כוס, ווייל] פיר וועט דאָך זיין זוּגוֹת[כז].

כד

[אח"כ נענה אחד ואמר לרבינו: רבי יונה גלויבער[כח] בעט שיריים, ואמר רבינו]:

**רבי יונה! איך גיב שוין.**

[ואמר רבינו, דהוא מן] **כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ** (היינו מכוס החמישי).

[ונענה אחד מהמסובים שכוס של אליהו מחלקין לכל המסובים, ואין בעל הבית שותהו כולו].

[ואמר רבינו בבדיחותא]:

אָבער, מ'קאָן טיילן, [ואפילו] אַז מ'טיילט עס, אָבער דאָס גרעסטע חֵלֶק ברויך איך פאַר מיר. מ'ברויך צו געבן פאַר'ן מְחַלֵּק [דאָס גרעסטע חלק].

[ונענה שתוי אחד: ס'איז דאָ ווער ס'איז טוט אַזוי כסדר (כלומר שאין זה ממדה הראויה). וענה רבינו]: ..

אָבער פּוּרִים מעג מען דאָך ..

---

[כו] לפי שאשתקד בפורים שנת תשי"ט שתה רבינו ז' כוסות, ואחר פורים סבל מזה כמה ימים. ועיין לעיל בהערה א.

[כז] כמבואר ענין זה **בגמרא פסחים** (קט:-קי:) עיין שם באורך, **ובטור ובית יוסף** (או"ח סימן קע). **אבל בשלחן ערוך** לא העתיק זה, וכמבואר טעמו בב"י שם, ואכמ"ל.

[כח] מוותיקי המלמדים בתלמוד תורה של רבינו. ורבינו נשא עליו הספד בעת הלווייתו, במוצ"ש וארא **תשכ"ח**, ונדפס **בטיב לבב** פרשת וארא (עמוד שסח).

KolSatmar.com

כה

[ואחד מהמסובין הזכיר איזה מימרא משמי׳ דהרה״ק ר׳ שלום מקאמינקא זללה״ה (אינו מובן הלשון). וחזר רבינו על סוף דבריו:] **פאַר אים בלייבט דאָס גרעסטע חֵלֶק**[כט].

**דער הייליגער קאַמינקא׳ער רָבִ, זיינע ׳ווערטלעך׳ זענען געווען גרויסע זאַכן, ס׳איז געווען בלויז קְדוּשָׁה, ס׳איז געלעגן אַסאַך עֲמָקוּת** [דערין].

כו

**׳בְּמִיפְטַר יוֹמָא׳**[ל]**, איך וועל באַלד זאָגן פְּשָׁטִים, כ׳וועל זאָגן פְּשָׁטִים אין דעם** [מאמר הגמרא פון] **עַד דְּלָא יָדַע.**

כז

## בענין מנהיגי ישראל, וגודל האחריות שלהם

**לאָמיר זען.**

**ס׳איז פאַרהאַנדן אַמאָל,** [ווי] **ס׳איז ידוע** [אַז] **אויף אַ פעלד פון תְּבוּאָה אָדֶער פון פֵּירוֹת, שטעלט מען אַ שׁוֹמֵר, צו היטן** [אַז] **ס׳זאָלן נישט קומען די פייגל** [און] **שעדיגן** [די פירות].

**נו אַז ס׳איז אָבער שווער צו דינגען אַ שׁוֹמֵר, מ׳באַקומט נישט אַזאַ ׳געאײיגענטן׳ מענטש** [איש המסוגל וראוי לזה, אָדער] **ס׳איז נישטאָ קיין געלט, נעמט מען האָלץ און מ׳מאָלט אויס אַ מענטש, און מ׳טוט אים אָן אַ ראָק** [בגד עליון]**, אַז די פייגל זאָלן מיינען ס׳איז אַ מענטש,** [און] **זיי זאָלן אַנטלויפן פון אים. און ס׳נוצט, ס׳נוצט אַסאַך מאָל, ס׳טוט אויך די זעלבע פְּעוּלָה, ס׳איז אויך עפּעס.**

**איז איינער אַמאָל געקומען** [לבעל שדה, ואמר לו דהגם] **איך בין נישט פעהיג, אָבער אַזוי ווי אַ ׳האָלץ׳ בין איך דאָך** [נאָך, ולכן הציע] **מ׳זאָל אים דינגען.**

**האָט ער אים געדינגען אַנשטאָטס אַ האָלץ.**

**ער איז דאָך אָבער נישט געווען קיין פאַרלעסליכער מענטש, האָט ער געמאַכט ׳איינס׳** [יַד אַחַת] **מיט די גַּנָּבִים, ער האָט צוגעלאָזט יעדן, די גַּנָּבִים, מיט די פייגל.**

[ואמר לו בעל השדה בנזיפה] **אוֹי וויי, דו ביסט דאָך אַרגער ווי אַ האָלץ, ביסט נישט גוט.**

כח

**רַבּוֹתַים!**

**איך קלער אַריין אַסאַך מאָל אין מיר, איך טוה - דאַכט זיך מיר - די פְּעוּלָה וואָס עפּעס אַזאַ שטיק האָלץ** [טוט].

**בעונינו הרבים, ס׳איז נישטאָ גאָרנישט.**

---

[כט] מלשון זה משמע שהיה המדובר בענין מה שאמר הרה״ק הנ״ל פעם בעת שחילק בשר עוף של ׳גאַנז׳, ואמר בדרך מליצה לפרש הפסוק שְׁמָר תָּם וּרְאֵה יָשָׁר כִּי אַחֲרִית לְאִישׁ שָׁלוֹם (תהלים לז, לז), שְׁמָר ׳תָּם׳, מ׳דאַרף היטן דעם ׳גאַנץ׳, וּרְאֵה יָשָׁר, און זען צו צוטיילן גלייך פאַר יעדן, כִּי אַחֲרִית לְאִישׁ שָׁלוֹם, ווייל וואָס ס׳בלייבט צום סוף דאַרף זיין פאַר ׳שָׁלוֹם׳ (דהיינו להרה״ק הנ״ל ששמו כן). וידוע שרבינו הזכיר פעם מימרא זו בשמו.

[ל] היינו בגמר היום. שהיה זה סמוך לזמן צאת הכוכבים.

KolSatmar.com

צַדִּיקִים זענען געווען אַמאָל!

[ואני עכ״פ כמו] אַ שטיק האָלץ [וואָס] זעט אויס ווי אַ מענטש, און ס׳פאַרטרייבט אַמאָל ׳די חֶבְרָה׳.

כט

נאָר געלויבט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, דעס טוה איך נישט, אַזוי ווי ׳דער׳ האָט געטון, ער האָט געמאַכט ׳איינס׳ מיט די גַּנָּבִים!

געלויבט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, דעס טוה איך ׳דאָך׳ נישט!

אַזוי ווי אַזאַ מאָדע מענטש, טוה איך נישט!

איך טרייסט מיך, כאָטש אַזוי ווי אַ שטיק האָלץ קען עפּעס טון, דעס - דאַכט זיך מיר - טוה איך ׳דאָך׳.

כאָטש בעונינו הרבים, איך בין זייער ווייט.

אוֹי וויי וויי, איך מוז זאָגן, איך קען גאָרנישט זאָגן דעם אויסדרוק ׳איך בין ווייט פון צדיקים׳.

[והלוואי] אִלְמָלֵי מ׳העט געווען געווען כאָטש ווי אַ פָּשׁוּט׳ער איד, מ׳זאָל זיך פאַרכטן פאַר׳ן באַשעפער, מ׳זאָל נישט פּוֹגֵם זיין און מ׳זאָל פאַררעכטן וואָס מ׳האָט פּוֹגֵם געווען.

[אָבער] די פְּעוּלָּה טוה איך ׳דאָך׳, דאָס היט איך אָפּ!

דעס טוה איך פאַר׳ן באַשעפער [כדוגמת הָעֵץ המבריח העופות].

איך זאָל טון וואָס ׳יענער׳ טוט [לעשות יד אחת עם הגנבים], דאָס נישט!

איך האָף נאָך, [אַז] הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וועט מיר העלפן, איך זאָל נאָך זוֹכֶה זיין במהרה בימינו, איך זאָל זוֹכֶה זיין צו דינען דעם באַשעפער בֶּאֱמֶת, איך זאָל זוֹכֶה זיין.

ל

[רבינו ביקש עוד יין, ואמר]:

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, ס׳גייט שוין בעסער.

איך קען אָבער נישט.

[נענה א׳ ואמר דסגי ברוב כוס, ואמר לו רבינו]: איך וועל דיר געבן פונעם אַנדערן בעכער. דעס וויל איך נאָך טרינקען, נאָך אַ בעכער, [און] מיט דעם וועל איך שוין גוֹמֵר זיין.

לא

געלויבט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, דער אייבירשטער וועט העלפן.

איך האָב געהאַט אַביסל יסורים, כ׳וועל איבערקומען.

לב

אוי וויי.

געלויבט דער אייבירשטער.

כָּל יָמַי האָב איך געהאָפט אויף יְשׁוּעַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ!

האָף איך [ווייטער], אַז דער באַשעפער וועט מיך נישט פאַרלאָזן!

KolSatmar.com

לג

פון טאַטן האָב איך אַמאָל געהערט, אַזאַ טאָג איז געווען, סוּכּות איז עס געווען, חול המועד סוכות. האָט ער זיך אַמאָל מִתְמַרְמֵר געווען פאַרוואָס איז ער אַ 'רבי'.

ער האָט זיך אָנגעקוקט ווייט, [מיט וואָס] ער קוקט אויס ווי אַ רבי.

דער טאַטע זכרונו לברכה איז געווען - ווער ס'האָט אים געקענט - [ער איז] אייביג געווען צובראָכן ביי זיך.

האָט ער עפּעס אַ זאָג געגעבן: מיר דאַכט זיך, ווען איך העט גיווען געהאַט אַ טאַטן אַ 'שיסטער', העט איך אויסגעקוקט כאָטש עפּעס בעסער ווי היצט. [אַזוי] האָב איך אַמאָל געהערט פון אים.

איך בין געווען אַ קינד, האָב איך געזאָגט: טאַטע! אַ ריידן האָב מיר געהאַט אַ שיסטער.

האָט ער געזאָגט: וועמען?

האָב איך אים געענטפערט: רבי יוחנן הסנדלר[לא]!

[כי גזע משפחתינו הוא] פון רבי יוחנן הסנדלר'ס יִחוּס.

האָט ער אַ שמייכל געגעבן [ואמר] דאָס איז שוין זייער ווייט!

איך האָב עס געזאָגט פאַר אַ ווערטל.

לד

אַ 'ביטערער גוֹרָל' איז אין דעם דוֹר, דער איד וואָס ער פאַרטרעט ווי אַ שטיקל 'מַנְהִיג'!

אַ ביטערער גוֹרָל!

דעם 'נידעריגסטן איד' קען מען מְקַנֵא זיין, אַז ער איז נאָר נישט קיין 'מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל'!

וואויל און לעכטיג איז אים!

ער איז אַ מענטש 'פאַר זיך'!

וואויל און לעכטיג!

לה

איך שריי כְּסֵדֶר[לב], מ'זאָל קוקן אין פסוקי יחזקאל ל"ד[לג], - אוֹי וויי, - [שנאמר שם] וואָס ס'וועט זיין מיט מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל, ווען מָשִׁיחַ וועט קומען.

---

[לא] שהיה תלמידו של רבי עקיבא, כמבואר בגמרא ברכות (כב.) ועוד. ועיין בערוך (ערך סנדל) שהיה נקרא כן על שם שהיה עושה סנדלין (מין מנעלים).

[לב] עיין בזה בדברי יואל קרח (עמוד נה), אמור, ובתניינא דברים (עמוד כז), שופטים (עמוד עב). ובדרשת הושענא רבה תשכ"א (אצל למענך דורשינו, ואצל והר יראה) והושענא רבה תשכ"ד (אצל למענך דורשינו).

וז"ל רבינו בויואל משה (א, קנג): ובימינו אלה יש עדיין יראים מועטים בישראל שאינם מושפעין בעצם מהדור המרובה, כי יודעים שהמה תועים מן הדרך, ואינם נצרכים להם שישפיעו עליהם, אבל מחמת שהמנהיגים נצרכים להדור המרובה, ועל כן השפעתם עליהם, ושוב אחר כך באה השפעת המנהיגים על היראים המועטים. ונמצא שהשפעת הדור המרובה התועים מן הדרך, משפיעים על היראים המעטים, באמצעות המנהיגים הכשרים. ○ ועל כן מקוננת הנבואה ביחזקאל ל"ד על הרועים שבישראל, ופתח לומר הוֹי רֹעֵי יִשְׂרָאֵל, והאריך בזה בכמה פסוקים בכל הקאפיטל, עד שסיים לבסוף שהקב"ה יציל צאנו מהם ועבדי דוד הוא ירעה אותם. ופירשו המפרשים שזה קאי על מלך המשיח, שהוא מזרע דוד בעצמו. ונמצא לפי זה שכל אותו הפרק

KolSatmar.com

[ומתחיל שם בלשון] **׳הוֹי רֹעֵי יִשְׂרָאֵל׳!**
**אַ ביטערער גוֹרָל.**

לו

**איך האָב אַמאָל געהערט פונעם טאַטן זכרונו לברכה.**
**ער האָט עפּעס נישט געהאַלטן** [לייעץ למלאכת השו״ב]**, ער האָט געהאַלטן אַז אַ שׁוֹחֵט איז זייער אַ גרויס אַחֲרָיוּת, ער האָט נישט צוגערעדט** [דערצו]**.**
**פלעגט ער זאָגן, דאָס אַרגסטע אוּמְנוּת איז אַ שׁוֹחֵט! אַ ׳שׁוֹחֵט׳,** [וועגן] **דאָס אַחֲרָיוּת.**
**האָט ער אַמאָל געזאָגט: דאָס אַרגסטע איז אַ שׁוֹחֵט! אויסער אַ ׳רבי׳!**
**האָט ער געזאָגט: דעס איז שוין אַרגער ווי אַרגער!**

---

**המתנבא על רועי ישראל, קאי על הדור האחרון של עיקבא דמשיחא טרם ביאת המשיח, והוא הדור שאנחנו חיים בו. ותסמר שערות אנוש בהביטו אל הנביאות הנאמרים שם על רועי ישראל שבדור ההוא, הרחמן הוא יתברך שמו ירחם עלינו בב״א.**

וז״ל רבינו בס״ג **שמות תשכ״א: די הייליגע חכמים** (סוטה מט. וסנהדרין צז.) **מאָלן אויס וויאַזוי ס׳וועט אויסזען אין עיקבא דמשיחא, וויאַזוי דער פני הדור וועט זיין, היוקר יעוות,** [ופירש״י] **היקר שבהם יהיה עוותן ורמאי. די פסוקים זאָגן אין די פסוקי יחזקאל, איך האָב עס שוין געזאָגט אַסאַך מאָל, א גאַנצן קאַפּיטל וואָס ער איז מתאונן אויף די רועי ישראל, און דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט וְעַבְדִּי דָוִד מֶלֶךְ עֲלֵיהֶם. דאָס וועט דאָך זיין נאָר נאָך ביאת המשיח, נישט פריער. זעט אויס, אַז דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט איך וועל מַצִּיל זיין צֹאנִי מִיַּד הָרֹעִים און איך וועל זיין זייער מנהיג, איך וועל זיי פירן. זעט אויס בעונינו הרבים אַז מ׳וועט פאַרפירט ווערן פון די מנהיגים** [בדור שלפני ביאת המשיח]**, סאיז מבואר אין די פסוקים. ○** [והנה] **דער כְּלַל איז** [שאין הכתוב רוצה לדבר בגנות ישראל]**, ווי די גמרא זאָגט** (בבא בתרא קיט:) [בפסוק] **וַיַּרְא ה׳ כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה, ווי קען דאָס זיין, דער פסוק זאָגט נישט בגנות בהמה טמאה אפילו וויל מען נישט זאָגן** (פסחים ג.)**, מ׳זאָגט אֲשֶׁר לֹא טְהֹרָה** (נח ז, ב)**, זאָל מען זאָגן שְׂנוּאָה? ענטפערט די גמרא א תירוץ. על כל פנים די פסוקים היטן זיך** [פון] **צו זאָגן בגנות, נו וויאַזוי איז דאָ דאָ א גאַנץ קאַפּיטל** [וואו] **ער רעכנט אויס דעם גנות פון אַלע רועי ישראל, ער שטעלט אַלע אַוועק, און די הייליגע חכמים שטעלן דאָס אַהער** [בגמרא]**, פאַרוואָס האָט מען דאָס געטון. אלא מאי מוז זיין אַז מ׳האָט דאָס געדאַרפט מודיע צו זיין, מ׳ברויך דאָס צו וויסן, מ׳ברויך צו וויסן אַז אֵין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, מ׳זאָל זיך נישט לאָזן פאַרפירן, און מ׳דאַרף צו וויסן און בעטן דעם באַשעפער וכו׳. ברויך מען קוקן די טריט פון די פריערדיגע דורות. און דער אֱמֶת איז, אַז מ׳וועט זוכן דעם אֱמֶת וועט אונז דער באַשעפער נישט פאַרלאָזן, דער בורא כל עולמים ווייסט דאָך אין וואָס פאַר א דור מ׳זעמיר וכו׳.**

[לג] **ביחזקאל פרק לד: וַיְהִי דְבַר ה׳ אֵלַי לֵאמֹר. בֶּן אָדָם הִנָּבֵא עַל רוֹעֵי יִשְׂרָאֵל** [פירש״י: על פרנסי ישראל]**, הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם לָרֹעִים, כֹּה אָמַר ה׳ אֱלֹקִים, ׳הוֹי רֹעֵי יִשְׂרָאֵל׳ אֲשֶׁר הָיוּ רֹעִים אוֹתָם** [את עצמם היו מענגין מממון חבריהם אשר תחתיהם]**, הֲלוֹא הַצֹּאן יִרְעוּ הָרֹעִים** [הלא משפט הרועים לרעות את הצאן ולא לרעות את עצמן]**. אֶת הַחֵלֶב תֹּאכֵלוּ וְאֶת הַצֶּמֶר תִּלְבָּשׁוּ, הַבְּרִיאָה תִּזְבָּחוּ, הַצֹּאן לֹא תִרְעוּ. אֶת הַנַּחְלוֹת לֹא חִזַּקְתֶּם, וְאֶת הַחוֹלָה לֹא רִפֵּאתֶם, וְלַנִּשְׁבֶּרֶת לֹא חֲבַשְׁתֶּם וגו׳, וְאֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ. לָכֵן רֹעִים שִׁמְעוּ אֶת דְּבַר ה׳. חַי אָנִי נְאֻם ה׳ אֱלֹקִים, אִם לֹא יַעַן הֱיוֹת צֹאנִי לָבַז וַתִּהְיֶינָה צֹאנִי לְאָכְלָה לְכָל חַיַּת הַשָּׂדֶה מֵאֵין רֹעֶה, וְלֹא דָרְשׁוּ רֹעַי אֶת צֹאנִי, וַיִּרְעוּ הָרֹעִים אוֹתָם וְאֶת צֹאנִי לֹא רָעוּ. לָכֵן הָרֹעִים שִׁמְעוּ דְּבַר ה׳. כֹּה אָמַר ה׳ אֱלֹקִים הִנְנִי אֶל הָרֹעִים, ׳וְדָרַשְׁתִּי׳ אֶת צֹאנִי מִיָּדָם, וְהִשְׁבַּתִּים מֵרְעוֹת צֹאן, וְלֹא יִרְעוּ עוֹד הָרֹעִים אוֹתָם, וְהִצַּלְתִּי צֹאנִי מִפִּיהֶם, וְלֹא תִהְיֶיןָ לָהֶם לְאָכְלָה. כִּי כֹּה אָמַר ה׳ אֱלֹקִים, הִנְנִי אָנִי ׳וְדָרַשְׁתִּי׳ אֶת צֹאנִי וּבִקַּרְתִּים וגו׳ וְהִצַּלְתִּי אֶתְהֶם מִכָּל הַמְּקוֹמֹת אֲשֶׁר נָפֹצוּ שָׁם בְּיוֹם עָנָן וַעֲרָפֶל. וְהוֹצֵאתִים מִן הָעַמִּים וְקִבַּצְתִּים מִן הָאֲרָצוֹת, וַהֲבִיאֹתִים אֶל אַדְמָתָם, וּרְעִיתִים וגו׳. בְּמִרְעֶה טּוֹב אֶרְעֶה אֹתָם וגו׳. אֲנִי אֶרְעֶה צֹאנִי וַאֲנִי אַרְבִּיצֵם וגו׳. וְאַתֵּנָה צֹאנִי, כֹּה אָמַר ה׳ וגו׳. וְהוֹשַׁעְתִּי לְצֹאנִי וְלֹא תִהְיֶינָה עוֹד לָבַז, וְשָׁפַטְתִּי בֵּין שֶׂה לָשֶׂה. וַהֲקִמֹתִי עֲלֵיהֶם רֹעֶה אֶחָד וְרָעָה אֶתְהֶן, אֵת עַבְדִּי דָוִיד, הוּא יִרְעֶה אֹתָם וְהוּא יִהְיֶה לָהֶן לְרֹעֶה. וַאֲנִי ה׳ אֶהְיֶה לָהֶם לֵאלֹקִים, וְעַבְדִּי דָוִד נָשִׂיא בְתוֹכָם, אֲנִי ה׳ דִּבַּרְתִּי. וְכָרַתִּי לָהֶם בְּרִית שָׁלוֹם, וְהִשְׁבַּתִּי חַיָּה רָעָה מִן הָאָרֶץ וגו׳, וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי ה׳ בְּשִׁבְרִי אֶת מֹטוֹת עֻלָּם וְהִצַּלְתִּים מִיַּד הָעֹבְדִים בָּהֶם וגו׳. וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיהֶם אִתָּם, וְהֵמָּה עַמִּי בֵּית יִשְׂרָאֵל, נְאֻם ה׳ אֱלֹקִים. וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי אָדָם אַתֶּם, אֲנִי אֱלֹקֵיכֶם, נְאֻם ה׳ אֱלֹקִים.**

KolSatmar.com

לז

׳דער׳ גוֹרָל [נפל עלי].

**ער איז נִסְתַּלֵּק געוואָרן** [אבי מורי] **ווען איך בין געווען גאָר אַ יונגערמאַן**[לד], [און] **כ׳האָב נישט געוואוסט** [גודל המשא ועומק האחריות שנכנסתי בו].

לח

**איי וויי, איי וויי.**

**אַ ביטערער גוֹרָל, ווער ס׳פאַלט אין דעם אַריין.**

**וואיל און לעכטיג איז אַ איד וואָס ער איז ׳פאַר זיך׳.**

**ער גייט אַרבעטן.**

**ער קומט אין בית המדרש.**

**ער וויל טון דעם רְצוֹן הַבּוֹרֵא ברוך הוא.**

**ער קומט דאַווענען.**

**ער וויל קוֹבֵעַ עִתִּים לְתּוֹרָה זיין.**

**און ער וויל געבן צְדָקָה, ער וויל מַחֲזִיק זיין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.**

[ס׳איז] **זייער גוט.**

**אוֹי וויי, דאָס איז דאָס בעסטע.**

לט

**אף על פי כן, האָף איך אַז דער באַשעפער וועט ׳דאָך׳ העלפן.**

מ

# עוד בענין שתיית יין

**אַז מ׳גיט מיר אַ טראָפּעלע** [וויין], **אַ קליינע מאָס, איז שוין יותר** [מלימודו].

[ישתה] **יוֹתֵר מֵהֶרְגֵּלוֹ איז שוין דאָ איין** [דעה] **וואָס שטייט אין שלחן ערוך**[לה].

מא

**יוֹתֵר ׳מִלִּימוּדוֹ׳ שטייט דאָרט אין רמ״א.**

[ויש להמליץ בלשון] **׳מִלִּמּוּדוֹ׳, מער וויפיל מ׳לערנט.**

[און] **׳לערנען׳ לערנט מען, איך לערן דאָך נאָך ווייניגער וויפיל איך טרינק.**

**איך האָב נישט קיין צייט צו לערנען.**

**איך בין אַ ׳פאַרקויפטער׳ מענטש.**

---

[לד] ימים אחדים לאחר גמר השבע ברכות של רבינו, בהיותו בן שבע עשרה שנה. רבינו נולד י״ז טבת תרמ״ז, והקדושת יו״ט נפטר כ״ט שבט תרס״ד.

[לה] דאיתא בשלחן ערוך (או״ח תרצה, ב): **חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי.** – ועל זה כתב ברמ״א שם: הג״ה, **ויש אומרים דאין צריך להשתכר כל כך, אלא שישתה ׳יותר מלימודו׳** (כל בו), **וישן, ומתוך שישן אינו יודע בין ארור המן לברוך מרדכי.** [ועיין בקיצור שלחן ערוך, וכן בחיי אדם, דשם איתא הלשון יותר ׳מהרגלו׳].

KolSatmar.com

דעס איז אויך גוט [פְּשַׁט כזה, לצאת ידי חובת היום, על ידי שישתה עכ״פ] **יוֹתֵר 'מִלִּמוּדוֹ'.**

מב

[אַז] **אַ איד קומט אַהיים, ער גייט אַרבעטן און קומט אַהיים, האָט ער נישט אַזויפיל אין די מַחֲשָׁבָה** [מעול הציבור וטירדת בני אדם]. **ער קאָן זיך קוֹבֵעַ עִתִּים לְתוֹרָה זיין, ער קאָן לערנען אַפּאָר שעה.**

**און ער טראָגט נישט אַרום קיין 'טִירוּדָא דְעַלְמָא'.**

[אָבער] **ביי מיר איז נישט אַזאַ גרויסע רְבוּתָא אַז איך טרינק 'יוֹתֵר מִלִּימוּדוֹ', מער פונעם 'לערנען'.**

**ביי אַן אַנדערן איד איז אַ רְבוּתָא, ווען ער טרינקט מער וויפיל ער לערנט.**

מג

**נאָר 'יוֹתֵר מִלִּימוּדוֹ' איז שוין** [גם כפשוטו, יותר ממה שאני רגיל לשתות].

**געלויבט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.**

**געלויבט דער אייבירשטער.**

מד

**ס'איז אַן איבערגאַנג, כ'האָב אַביסל יסורים,** [אָבער] **ס'וועט אַריבער גיין.**

[אח״כ ביקש רבינו עוד כוס יין, ואמר]: **אֱמֶת, פון דעם וועל איך שוין 'געבן', פון דעם וועל איך שוין טיילן .. .. מ'קאָן עס צוטיילן.**

מה

**הערטס אויס, איך וועל אָנהייבן צו זאָגן 'פְּשַׁט':**

**חַיָּב אָדָם לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא, עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי.**

(ההמשך באמירת הפשטים, יודפס אי״ה בחלק ב' של הקונטרס)

KolSatmar.com